**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון אדמיניסטראציע-באשטימטע קאנדידאטן דורך סענאט

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באשטעטיגונגען פון צווי קאנדידאטן וואס זענען באשטימט געווארן דורך די אדמיניסטראציע דורך די סענאט. בארבארע גווין איז באשטעטיגט געווארן אלס קאמישאנער פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) און דר. דעימיע העריס-מעדען איז באשטימט געווארן אלס קאמישאנער פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services).

"מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז מיר האבן א מאנשאפט וואס איז איבערגעגעבן צו ארבעטן שווער און אהערשטעלן רעזולטאטן פאר ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סיי בארבארע גווין און סיי דר. דעימיע העריס-מעדען'ס רעפוטאציעס האבן אויפגעוויזן אז זיי זענען גרייט פאר די פאסטנס, און איך האב נישט קיין ספק אז זיי וועלן פארזעצן צו דינען אויף די ראלעס מיט צוועק און אינזין האבנדיג אלע ניו יארקער."

**בארבארע סי. גווין** איז באשטימט געווארן אלס צייטווייליגע קאמישאנער פון די סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף אין יולי 2023. די אגענטור איז פאראנטווארטליך פאר א רייע פון די וויכטיגסטע פראגראמען וואס העלפן איינוואוינער מיט נידעריגע איינקונפט ערפילן זייערע פונדאמענטאלע געברויכן און צו העלפן די וועלכע קענען ארבעטן צו ווערן פינאנציעל זעלבסטשטענדיג. גווין דינט אין דעם זעלבן צייט אלס עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישאנער, א פאסטן וואס זי האט געהאלטן זינט מערץ 2017. אלס עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישאנער, האט זי ערפאלגרייך אנגעפירט די אגענטור אריבער די קאוויד-19 פאנדעמיע, העלפנדיג די אגענטור צו איינפירן פילע נייע הילף פראגראמען און צוזאמען ברענגענדיג מער פון 15 ביליאן דאלאר אין צוגעלייגטע בענעפיטן צו העלפן ניו יארקער זיך ספראווען מיט די פינאנציעלע השפעות פון די פובליק געזונטהייט קריזיס. בעפארן דינען אין די ראלע, איז זי געווען די דעפיוטי קאמישאנער פאר די דיוויזיע פון ארומנעמיגע פאמיליע הילף ( Division of Integrated Family Assistance), וואס איז געווען פאראנטווארטליך פאר פאליסי אנטוויקלונג און אויפזיכט אויף רעגירונג הילף פראגראמען, דער סאַפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program), שטיצנדע האוזינג, ענערגיע הילף, באשעפטיגונג סערוויסעס, פליטים סערוויסעס און טשיילד סופּארט סערוויסעס. בעפארן זיך אנשליסן אין די אגענטור, האט גווין געארבעט פאר די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט און די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון די בודזשעט.

גווין האט באקומען איר מעסטער'ס דעגרי אין פובליק אדמיניסטראציע פון די אלבאני אוניווערסיטעט'ס Rockefeller College of Public Affairs and Policy. זי האט אויך בעטשעלאר דעגריס אין פאליטישע וויסנשאפט און אין ביזנעס פארוואלטונג פון די נארט בקעראליינע סטעיט אוניווערסיטעט.

**דר. דעימיע העריס-מעדען** האט פארברענגט 20 יאר ארבעטנדיג אין די פעלדער וואו די רעגירונג, חינוך, ביזנעס און נאָנ-פראפיט סעקטארן קומען זיך צוזאם. זי האט לעצטנס געארבעט אלס עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די וועסטשעסטער קאונטי יונגווארג ביורא אינערהאלב די קאונטי עקזעקיוטיוו'ס אפיס. איז די ראלע איז זי געווען פאראנטווארטליך פארן פארוואלטן אויף א דעפארטמענט וואס שיקט ארויס פינאנציעלע און טעכנישע הילפס-מיטלען פאר הונדערטע פראגראמען און קאנטראקטארס וואס ווערן אויפגעהאלטן דורך וואוילטעטיגע, פריוואטע און לאקאלע רעגירונג אגענטורן וואס שטיצן קינדער, יונגווארג און פאמיליעס אין די 46 קאמיוניטיס פון וועסטשעסטער קאונטי. בעפארן זיך אנשליסן אין די וועסטשעסטער קאונטי יונגווארג ביורא, האט דר. העריס-מעדען געדינט אין פיר מעיאר קאבינעטן אין די סיטי אָוו מאונט ווערנאן וואו זי האט באדייטנד איסגעברייטערט די שטאט'ס סערוויסעס. זי האט געדינט אלס א פעדעראלע און לאקאלע גרענט איבערקוקער און אלס אפשאצער פאר דעם ניו יארק סטעיט '21סטע יאר הונדערט קאמיוניטי לערנונג צענטערן פראגראם' (21st Century Community Learning Centers Program).

דר. העריס-מעדען האט זיך פארדינט מערערע דעגריס, ארייַנרעכענענדיג א BA דעגרי אין ענגליש און אפריקאנע אמעריקאנע שטודיעס, א מעסטערס אָוו ביזנעס אדמיניסטראציע (Masters of Business Administration, MBA), א מעסטערס אָוו סייענס אין היומען ריסאורס מענעדזשמענט (Master of Science in Human Resource Management, MS HRM) און א דאקטאראט אין בילדונג און עקזעקיוטיווע פירערשאפט (Doctorate in Education and Executive Leadership, Ed.D). זי איז א לאנגיאריגע קאמיוניטי פירערין וואס איז געזיצן אויף א צאל פון פראפעסיאנאלע באורדס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן